# יחידתי

אין אידיש

גליון שבועי לגילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

נשא (בהעלותך בא"י) תשפ"ג / גליון מ'



צו פארשפרייטן דעם גליון
אין נאך בתי מדרשים
און באלייכטן נאך אידישע נשמות

רופט:

אין מאנסי / בארא פארק
347.452.3118

אין וויליאמסבורג
347.768.3577

יד"ל בסיוע
משכני



מפעלות חסידות
קול דודי
נפ"י חסידי ישיבת מכון...
לעבן מיטן איבערשטן

0722 531 385
646 518 1014
033 3366 1567

אויף קול־דודי ליין
שירו לו שיעור חדש
וועכנטליכע שיעור
אין יושר דברי אמת
פון הרה"ח ר' נפתלי ערלאנגער שליט"א
אין נומער 9


## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# אריינלייגן די 'חכמה' אין 'מעשים'

### עס זענען פארהאן זאכן וואס ער טאר נישט וויסן, און טאמער ער וועט דאס וויסן, וועט דאס אים שאטן בנפש און ער וועט טון מסוכנ'דיגע זאכן

עס איז אמאל געווען איינער וועלכער האט געליטן אויף פארשידענע נפשיות'דיגע פראבלעמען, דא האט ער געהאט פאביעס און דא ענקזייעטי, דא טראומא און דא סטרעס. דער מענטש איז געגאנגען צו א פסיכיאטאר, און זיך אויסגערעדט אלע זיינע פראבלעמען און אינערליכע באהעלטענישן. דער פסיכיאטאר האט געטון גאר א וואונדערליכע ארבעט, ער האט זיך אפגעגעבן מיט יענעם טעג און נעכט, אויסגעהערט און אנאליזירט, געטראכט און געשריבן, ביז ער האט ארויפגעלייגט פארן פאציענט א קלארן בילד איבער וואס דא גייט פאר, פונקטליך וואו עס הייבט זיך אן, און וואס ברענגט וואס. וואספארא סארט מענטש ער איז, און פון וואנעט יעדע פראבלעם שטאמט.

עס גייט דורך עטליכע וואכן און חדשים, און זיינע ארומיגע ווארטן שוין צו זען ווי דעם פסיכיאטאר'ס עצה ארבעט וואונדערליך. אבער ווי ענטוישט זענען זיי געווארן צו זען פארקערטע רעזולטאטן... די פראבלעמען זענען נאר ערגער געווארן! און טאמער האט מען אים אפגעשטעלט און געפרעגט דערוועגן, האט ער געענטפערט מיט גרויס חכמה און אויפגעקלערטקייט: "וואס הייסט? דו פארשטייסט נישט אז איך בין אזא סארט מענטש?! דאס איז דער וועג וויאזוי מיין נפש רעאגירט צו שוועריקייטן...".

אין א צווייטע משפחה האט זיך אפגעשפילט אן ענליכע מעשה, אבער דאס מאל מיט איינעם וועלכער האט געליטן פון רוחניות'דיגע פראבלעמען, זיין דאווענען איז געווען קאלט און זיין יראת שמים איז געווען כמעט פארלאשן. מען האט גענומען א מענטש וועלכער זאל לערנען מיט אים חסיד'ישע ספרים און מוסר ספרים. ער האט טאקע אים אויסגעלערנט א ים פון הייליגע מחשבות און בליציגע רעיונות, עס איז כמעט נישט געווען א בחינה אין חסידות וואס ער האט נישט געקענט. אפילו 'יחידתי' האט ער דורכגעליינט יעדע וואך...

עס גייט דורך עטליכע וואכן און חדשים, און די ארומיגע ווארטן שוין צו זען וויאזוי ער צופלאמט זיך ביי א דאווענען, זיי ווילן זען וויאזוי זיין אידישקייט ווערט ערליכער אוןווארעמער, אבער גארנישט... פארקערט גאר, ער איז גאר געווארן מער קאלט און אויפגעקלערט! יעדעס מאל וואס ער איז דורכגעפאלן, האט ער געהאט א 'הסבר על פי חסידות', פארוואס עס האט אזוי געדארפט זיין... יעדע פרומע זאך וואס ער האט געוואלט אוועקמאכן, האט ער געהאט א הסבר פארוואס דאס איז נישט די ריכטיגע עבודת ה', און פארוואס מען דארף נישט אזויפיל מחמיר זיין, נאר מען מעג זיך אביסל לאזן וואויל גיין, ה' ישמרנו.

עס פעלט עכט נישט אויס צו ברענגען צופיל משלים - אין דער צייט וואס יעדער איינער קען גוט דעם באקאנטן מאמר חז"ל פון פרקי אבות (פ"ג מי"ז): "כל שחכמתו מרובה ממעשיו למה הוא דומה - לאילן שענפיו מרובין ושרשיו מועטין, והרוח באה ועוקרתו והופכתו על פניו". נישט בלויז אז די חכמה טוט גארנישט אויף, נאר עס שאדט גאר פארן מענטש.

> זיי ווילן זען וויאזוי זיין אידישקייט ווערט ערליכער און ווארעמער, אבער גארנישט... פארקערט גאר, ער איז גאר געווארן מער קאלט און אויפגעקלערט!

## די תורה ווערט אויסגעפארעמט לויטן מענטש

אין אונזער סדרה לערנען מיר די פרשה פון א סוטה. חז"ל זאגן (ברכות סג.): "כל הרואה סוטה בקלקולה יזיר עצמו מן היין". פרעגט דער 'פרי הארץ': לכאורה וואלט געדארפט זיין פארקערט, אז דער וואס זעט ווי די סוטה באקומט אזא עונש און ווערט אזוי פארשעמט, זאל נישט האבן קיין שום נסיון, ווייל ער האט דאך שוין געזען דעם גרויסן עונש און בושה פונעם עובר עבירה?

ענטפערט דער פרי הארץ לויט די אויבנדערמאנטע משנה: "וְזֶהוּ 'לֹא הַמִּדְרָשׁ הוּא הָעִקָּר אֶלָּא הַמַּעֲשֶׂה', מַה שֶּׁאֵין כֵּן כְּשֶׁיַּרְבֶּה הַמִּדְרָשׁ וְהַחָכְמָה לָדַעַת, וְלֹא הַמַּעֲשֶׂה, יִהְיֶה חָכְמָתוֹ מְרֻבָּה מִמַּעֲשָׂיו, וְלֹא דַי שֶׁלֹּא יְתַקֵּן אֶלָּא אַדְּרַבָּה וְהוֹפַכְתּוֹ עַל פָּנָיו כַּנִּזְכָּר. וּכְמַאֲמַר 'כָּל הַגָּדוֹל מֵחֲבֵרוֹ יִצְרוֹ גָּדוֹל מִמֶּנּוּ', וְלֹא דֶּרֶךְ כְּלָל אָמְרוּ אֶלָּא אֲפִלּוּ אִם יַרְבֶּה לָדַעַת תּוֹכָחוֹת וּמוּסָר חָכְמָה וָדַעַת אֵיךְ לְהִנָּצֵל מֵאוֹתוֹ תַּאֲוָה, וְלֹא יַרְבֶּה בְּמִצְוַת אוֹתוֹ אֵבֶר הַמְּיֻחָד לְאוֹתוֹ תַּאֲוָה, גַּם כֵּן מַזִּיק יוֹתֵר בְּחָכְמָתוֹ...

"כִּי בִּרְאִיָּתוֹ הוּא נוֹזֵר וּמֵבִין יוֹתֵר בֶּאֱמֶת שֶׁלֹּא לַעֲשׂוֹתוֹ לְהִשְׁתַּמֵּשׁ בְּתַאֲוָה זוּ, וּמֵאָז צָרִיךְ שָׁמוּר יוֹתֵר וְיוֹתֵר, כִּי אֵין לוֹ עֲדַיִן מַעֲשֶׂה לְהָגֵן עָלָיו שֶׁלֹּא תִּתְהַפֵּךְ הַיְּדִיעָה [וְהַחָכְמָה] עַל פָּנָיו". טאמער א מענטש האט נישט די נויטיגע געצייג וויאזוי צו פארדייען די 'חכמה' - איז די חכמה א ריזיגע סכנה! יעדער פארשטייט, אז א קינד טאר נישט וויסן אלעס, עס זענען פארהאן זאכן וואס ער טאר נישט וויסן, און טאמער ער וועט דאס וויסן, וועט דאס אים שאטן בנפש און ער וועט טון מסוכנ'דיגע זאכן.

ווי דער 'פרי הארץ' איז ווייטער מסביר: "הָעִנְיָן הוּא שֶׁהַתּוֹרָה [וְהַחָכְמָה] נִמְשְׁלוּ לְמַיִם שֶׁמִּשְׁתַּנִּים בְּצוּרַת הַכְּלִי שֶׁהֵם בְּתוֹכָהּ, אִם מְרֻבַּעַת אוֹ עֲגֻלָּה, כֵּן הַתּוֹרָה וְהַחָכְמָה מִשְׁתַּנִּים בָּאָדָם אִם טוֹב וְאִם רָע בְּמִדּוֹתָיו שֶׁהוּא דֶּרֶךְ הִתְפַּשְּׁטוּתוֹ בְּגוּף הָאָדָם עַל יְדֵי הַמִּדּוֹת". טאמער די חכמה קומט אן צו א קליין קאפ - ווערט עס קליין! טאמער עס קומט אן צו א שלעכט הארץ - ווערט עס שלעכט! חכמה איז זייער שרעקעדיגע זאך.

## 'מעשים' איידלט אויס דעם מענטש

אויב אזוי, וואס קען מען טון? מען איז דאך מחויב צו לערנען תורה - וועלכע איז א חכמה. טא, וויאזוי קענען מיר זיך טוישן - אויב די חכמה טוט גארנישט אויף ביי אונז, און עס ווערט נאר ארונטערגעשלעפט צו אונזער פלאץ וואו מיר געפונען זיך?!

אויף דעם איז דער 'פרי הארץ' מסביר: "אֵין הַחֹמֶר מִזְדַּכֵּךְ כִּי אִם עַל יְדֵי מִצְוֹת מַעֲשִׂיּוֹת דַּוְקָא, לְהַרְגִּיל כָּל אֵבֶר בְּמִצְוֹת דַּוְקָא, וְשֶׁלֹּא לָצֵאת הַחוּץ בְּעִנְיְנֵי הָרְשׁוּת וְהַתַּאֲווֹת מַה דְּאֶפְשָׁר שֶׁלֹּא לְהִשְׁתַּמֵּשׁ מִזֶּה כְּלָל, וּבְהַשְׁתֵּק הָאֵבֶר מֵהִשְׁתַּמְּשׁוֹ בְּתַאֲווֹת וּרְשׁוּת כִּי אִם בְּמַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת, אָז יִבָּקַע כְּשַׁחַר אוֹרוֹ שֶׁהוּא אוֹר הַגָּנוּז כְּמַאֲמַר 'וַיַּרְא אֱלֹקִים אֶת הָאוֹר כִּי טוֹב', שֶׁהָאוֹר נִקְרָא טוֹב. וְזֶהוּ 'לֹא מָצָאתִי לַגּוּף טוֹב מִשְּׁתִיקָה', פֵּרוּשׁ שֶׁיָּאִיר, אֶלָּא שְׁתִיקָה מִן הַתַּאֲווֹת, וִיקַבֵּל עַל הָאֵבֶר עֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם

המשך אין עמוד ב


דער גליון האט דיר דערלויכטן? יעצט איז די געלעגנהייט צו באלייכטן נאך א יוד
**אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי"ת, אבער מ'ווארט אויף אייער שותפות**
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג
אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ"ד, רופט: 347.452.3118
תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483

# עול התורה

## וואס נעמען מיר מיט זיך? • וואס מיינט 'עול התורה' און וויאזוי איז מען עס מקבל אויף זיך? • איז עס נישט אביסל צו שווער?

**משפיע:** ס'איז אונז ברוך ה' אריבער א ליכטיגע שבועות פול מיט געוואלדיגע השפעות. ביי דיר אויך?

**אברהם יצחק:** געלויבט השי"ת אז יא. און היי יאר, קען מען זאגן אז מיר האלטן נאך אינמיטן א לאנגע שבועות נאך וואס דער צווייטער טאג יו"ט איז געפאלן אום שבת, און צדיקים האבן דאך געזאגט אויף 'שבת נאך שבועות' אז ס'איז **נאך אלץ** שבועות!

**משפיע:** גערעכט. בכלל זענען די פערציג טעג נאך שבועות גרויסע טעג, היות דעמאלטס איז משה רבינו ארויף אין הימל כדי צו מקבל זיין די לוחות. הייסט אז יעצט ווארטן מיר נאך אויף די לוחות... אויב אזוי פאסט יעצט זיכער צו רעדן איבער ענינים פון קבלת התורה!

**אברהם יצחק:** קוק, אום יו"ט האט מיר געשיינט די ענין פון לימוד התורה אויף א שטארקע פארנעם. מיין הארץ איז געווען פול מיט ליבשאפט צו די תורה און צו לימוד ברציפות, בפרט נאכן כאפן אז דער אויבערשטער אליינס אנטפלעקט זיך פאר מיר און געבט מיר איבער די תורה. אבער וויאזוי הייבט מען אן עס אויסצופירן למעשה? די לאך צווישן די געהויבנקייט פון יו"ט און די פשוט'ע בלאסע וואכן טעג אין ישיבה איז עפעס צו ברייט און גרויס...

**משפיע:** א גרויסע לאך! פארוואס? וואספארא בילד משל'סטו זיך אויס אין קאפ בשעת דיינע גוטע מינוטן דורכאויס דעם יום טוב? וויאזוי וואלטסו געוואלט אז דיין אהבת און דביקות התורה זאל אויסקוקן?

כ'האב זיך אויסגע'משל'ט ווי א 'חסל סדר פארברענגען'... און יעצט ווען איך טרעט אריין אין ישיבה, 'טרעף' איז זיך ווי אלץ וואס האט מיר פריער געצויגן, ציען מיר ווייטער

**אברהם יצחק:** כ'האב זיך אויסגע'משל'ט ווי א 'חסל סדר פארברענגען'... געענדיגט מיט די שמועסרייען, עס אינטערעסירט מיר מער נישט, אפילו נייעס רעדט שוין נישט צו מיר, כ'בין כל כולו אריינגעטון אין תורה. אפילו מיינע מענטשליכע באדערפענישן קיצלען מיר שוין נישט. ווי זאגט מען: איין שטיק תורה!

**משפיע:** און יעצט...?

**אברהם יצחק:** יעצט ווען איך טרעט אריין אין ישיבה, 'טרעף' איז זיך ווי אלץ וואס האט מיר פריער געצויגן, ציען מיר ווייטער. ביזנעס ווי געווענליך. דער זעלבער מענטש ווי איידערן יו"ט, ווי גלייך ס'וואלט גארנישט געווען אינדערמיט.

### 'עול' איז א כלי

**משפיע:** אויב אזוי, צוערשט דארפסטו וויסן אז דו האסט נישט געמאכט א טעות. האסט זיך נישט אבי פאנטאזירט אז דו האסט בייגעלעבט א ליכטיגע יו"ט. גלייב אז די גאנצע שפע פון יו"ט איז אן אמת. גארנישט איז נישט אנטלאפן. אייגנטליך ווארט נאך אלעס אויף דיר!

נאר וואס, דו דארפסט עפעס טון כדי די שפע זאל האבן וואו זיך צו באזעצן אין דיר. ביז יעצט איז עס בלויז געווען אן 'אור' אין דיין 'נשמה' אין די 'עולמות העליונים' - און דערפאר: אויב זעצטו פאר צו זיין דער זעלבער מענטש ווי פאר שבועות און גארנישט טון דערוועגן, וועלן טאקע אלע אורות און השפעות פון חשקות התורה פארבלייבן אויבן און גארנישט ווירקן אויף דיר. אויב וויל מען א נייע שפע, דארף מען טון נייע פעולות!

**אברהם יצחק:** וואס קען איך נאך טון? איך טו שוין אלץ וואס איך קען- אין אמת'ן נאך פאר יו"ט. איך פרוביר צו 'ליגן אין לערנען' מיט א חשק און ברען, און נישט ווערן נאכגעשלעפט צו הוילע פלוידערייען. וואספארא 'נייע פעולה' קען איך טון?

**משפיע:** אין דריי ווערטער: **קבלת עול תורה!** דאס מיינט, נישט נאר מקבל זיין צו לערנען, נאר אונטערנעמען אויף זיך דעם 'עול' פון די הייליגע תורה. דאס איז די 'נייע' כלי מיט וואס דו ביסט מקבל די נייע שפע וואס ווערט נשפע אום שבועות.

**אברהם יצחק:** איך פארשטיי נישט פונקט וואס מאכט אויס צי איך לערן מיט א קבלת עול צי נישט? און בכלל, וואס ליגט אונטער די ווערטער 'קבלת עול' וואס מאכט עס פאר א געאייגנטע כלי צו מקבל זיין השפעות. אפשר האב איך נאך טאקע נישט פונקטליך ארויס וואס 'קבלת עול' מיינט...

### ס'איז דיין עול!

**משפיע:** 'קבלת עול' מיינט אז דו באשליסט אז לימוד התורה איז דיין עול. כ'וועל דיר געבן א משל וועסטו בעסער כאפן דעם גרויסן חילוק צווישן ווען איינער מאכט סיי וואספארא פעולה מיט א קבלת עול, און איינער אן א קבלת עול.

לאמיר זאגן אויב די ישיבה פארט אויף א שבת התאחדות. ארגעניזירן אזא שבת ענטהאלט אן א שיעור איינצלהייטן: עסן, טרינקען, שלאפן, טראנספארטאציע, זמירות, די סעודות שבת, די ניגונים, בעלי תפילות, רעדנערס אא"וו. געווענליך איז דא איינער וועלכער טראגט דעם 'עול' פון די גאנצע זאך. ער זארגט אז אלעס זאל זיין אויפן בעסטן אופן, און דערצו נעמט ער אויף אנדערע צו ערלעדיגן פארשידענע זאכן, דער איז מסדר די עסן און יענער גייט עס טראגן צו די באסעס אד"ג. למעשה טראגט ער אן עול אז אלעס זאל קלאפן און אז יעדער זאל זיין צופרידן.

אויב וועסטו צולייגן קאפ, לכאורה, יעדער פארט אויפן שבת, יעדער וויל אז ס'זאל קלאפן, יעדער וויל האבן די מאקסימום הנאה דערפון, אבער קיינער פון אלע באטייליגטע אויסער דער איינער טראגן נישט קיין אחריות דערויף. אויב וועסטו פרעגן איינער צי מ'האט שוין אפגענומען די זמירות'לעך פון דריק, וועט ער שאקלען זיינע אקסלען צולייגנדיג אז ס'איז נישט זיין דאגה. ער האפט טאקע אז ס'וועט ווערן ערלעדיגט, אבער ס'איז נישט זיין אחריות.

דאגעגן יענער וועלכער זארגט פאר אלץ, ער איז נישט רואיג פאר קיין רגע. דער אנדערער בחור גייט ערב שבת כאפן א פיינע שלאף, ווי אויך שבת נאכמיטאג, אבער דער בעל אחריות גייט נישט. נאכאנאנד גייט ער זיין אויף דער וואך אז אלץ זאל פארט געשמירט, און אז ס'קומט נישט אונטער קיין אינצעדענטן. דאס עול ליגט אויף אים.

אזוי קוקט אויס ווען איינער נעמט זיך אונטער דעם 'עול התורה'. נאכן איבערלעבן ליכטיגע זמנים און נאכן אונטערנעמען שטארקע קבלות, לייגט ער נישט צוזאם

## חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

**הַנִּקְרָא גַּם כֵּן שְׁתִיקָה, וְלֹא יִשְׁתַּמֵּשׁ בְּאֵבֶר כִּי אִם מַעֲשֵׂה הַמִּצְוֹת... מִזֶּה מִזְדַּכֵּךְ הָאֵבֶר פַּעַם וּשְׁתַּיִם עַד שֶׁיָּאִיר אוֹר תּוֹרָה בְּנֵר הַמִּצְוָה וּמִשָּׁם יִתְפָּרְדוּ כָּל פֹּעֲלֵי אָוֶן".**

אין אנדערע ווערטער: דו ביסט געווארן אביסל קלוגער? דו האסט עפעס געלערנט? לייג עס באלד אריין אין א 'מעשה'! ווייל דאס 'טון' וועט דיר אויסלייטערן! ווידעראום בלויז דאס 'פארשטיין' און זיין 'קלוג' - קען חלילה זיין ממש א סם המות.

טייערער איד, דו האסט יעצט געלערנט א הייליגער געדאנק פונעם 'פרי הארץ' - שנעל לויף און לייג עס אריין אין עפעס א מעשה! זיי מזכך דעם אבר - וועלכע האט שייכות צו דעם געדאנק. ווייל די חכמה איז יעצט א סכנה פאר דיר! דער נייער געדאנק וואס דו האסט יעצט קונה געווען, וועט גארנישט טוישן אין דיר - אן טון עפעס דערמיט, סך הכל וואס עס וועט געשען איז, עס וועט ווערן אויסגעפארעמט לויט די כלים וואו עס איז אריינגעגאנגען, דעריבער, זיי מזכך דיינע כלים - און דעמאלט, וועט עס שיינען מיט א לויטערע ליכטיגקייט.

הפצת הגליון השבוע בעי"ת מאנסי
נתנדב ע"י ידידנו היקר הרה"ח ר' **יעקב יצחק מאשקאוויטש** שליט"א
**לרגל נישואי בנו למזל טוב**
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל

חלק מהוצאות העריכה
נתנדב ע"י ידידנו היקר הרה"ח ר' **שמעון פריד** שליט"א
**לרגל הולדת בתו למזל טוב**
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת

חלק מהוצאות העריכה
נתנדב ע"י ידידנו היקר הרה"ח ר' **יעקב יהושע פיש** שליט"א
**לרגל אירוסי בנו למזל טוב**
בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע יזכו לבנות בית נאמן בישראל

די הענט ווארטנדיג אז פון יעצט גייט אלץ פארן ווי פון זיך אליינס. ער ווארט נישט אז איינער זאל מאכן די ארבעט אנשטאט אים, נאר ער נעמט די גאנצע אחריות אויף זיך. דאס הייסט, פון יעצט האט ער אן 'עול' צו טון אלעס וואס איז אין זיינע מעגליכקייטן צו זוכה זיין צו תורה און זיין פולקאם באהאפטן דערצו. ווען ער טוט דערין, דעמאלטס באקומט ער די השפעות און אורות וואס איז נמשך געווארן צו זיין נשמה דורכאויס דעם הייליגן שבועות.

## אן 'עול' מיינט 'אחריות'

**אברהם יצחק:** אבער וויאזוי קלאפט זיך עס אויס ביי מיר? אין די משל וואס דער משפיע האט דערציילט, זעט מען ווי דער מענטש וועלכער טראגט די אויפגאבע צו זארגן פארן שבת רוהט נישט איין, זייענדיג פאר'דאגה'ט אז אלעס זאל זיין אין ארדענונג, אין דער צייט וואס אלע אנדערע שלאפן רואיג. אבער ווען מ'רעדט פון לימוד תורה, וויאזוי קוקט אויס אנדערש דאס בילד ווען איינער האט קבלת עול און א צווייטער נישט?

**משפיע:** א מענטש מיט קבלת עול, שפירט אז ס'ליגט אויף אים אן אייגענע אחריות אנצוקומען צו הויכע דרגות אין ידיעות התורה. אן אחריות קלאר ארויסצוהאבן די מקצועות וואס מ'לערנט אין ישיבה. אן אחריות אנצופילן זיין צייט נאך און נאך חלקי התורה און עס לאזן ווערן צעוואסערט. אן אחריות אויסצונוצן זיינע כוחות און כשרונות פאר לימוד התורה און נישט אויף סתם שטותים.

און דאס איז טראצדעם וואס במשך דעם טאג באשעפטיגט ער זיך מיט פארשידענע זייטיגע ענינים, אריינגערעכנט עסן, טרינקען, שלאפן און אפילו פארברענגען. אבער אלץ מיט אן אחריות - וויסנדיג וואס, וויפיל און ווען. מיטן בלויזן ציל אנצושעפן כוחות כדי צו ווייטער אויספירן זיין דרינגענדע אחריות צו קונה זיין די תורה. ווייל ס'איז זיין עול. און פארדעם באגנוגנט ער זיך נישט בלויז מיט די סדרים אין ישיבה, ווייל אין אמת'ן איז עס נישט גענוג אנצוקומען צו זיין ציל, נאר צו די זייט לייגט ער צו די בין הסדרים'ס, פרייטאג און שבת נאכמיטאגס אא"וו.

'פריקת עול' איז גענוי דאס פארקערטע. איינער וואס ווי נאר די זייגער ווייזט די סדר האט זיך געענדיגט, שפירט ער אז ער ווערט 'באפרייט' דערפון, און יעצט האט ער שוין נישט קיין עול צו זארגן וואס וועט זיין אין די קומענדיגע שעות, וואס גייט זיין ביים קומענדיגן סדר, ביינאכט זארגט ער נישט ווען ער גייט מארגן אויפשטיין, ביי זיין פרייע צייט דאגה'עט ער נישט צי ער האט טאקע קונה געווען וואס מ'האט היינט געלערנט ביים סדר, צי ער האט גענוג גע'חזר'ט כדי נישט צו פארגעסן וואס ער האט נאר וואס געלערנט - דער האט נישט קיין 'עול התורה'. אויב איז ער א פרייע פייגל, האט ער נישט זוכה געווען צום 'עול התורה'.

## נקודות פון וואו אנצוהייבן

**אברהם יצחק:** לויט דעם קוקט מיר אויס די גאנצע זאך ווי אן ערנסטע יאך, וואס איז היבש שווער אונטערצונעמען אויף איין מינוט, אויב בכלל...

**משפיע:** כ'וועל דיר זאגן צוויי נקודות דערוועגן: **איינס** - מיר האבן גערעדט פון א פארטיגער און פולשטענדיגער 'עול', אבער אייגנטליך איז דא אסאך דרגות דערין, און זעלבסטפארשטענדליך אז מ'הייבט אן ביסלעכווייז. אלס אן התחלה, זאלסטו אונטערנעמען אויף זיך אן 'עול' אנצופילן די שעות ווען דו געפינסט בין כותלי הישיבה, אדער אן 'עול' צו קענען די הספק וואס מ'לערנט יעצט אין ישיבה, און אויב נישט די גאנצע חומר, דעמאלטס וויינינגסטנס די חומר פון איין סדר, אדער אן 'עול' אז דיין פרייע צייט זאל נישט גיין ליידיג. מיט דער צייט, וועסטו זיך אלץ מער הייבן און דערהייבן.

**צווייטנס** - די תענוג און רואיגקייט וואס קומט נאכן אונטערנעמען אויף זיך א קבלת עול - איז ממש וואונדערליך. ווייל זאלסטו וויסן, אז מערסטנס שטערונגען און שוועריקייטן מיט וואס דו ספראוועסט זיך כרגע, דיין צומאל פאלן און צומאל זיך דערהייבן, דאס אלץ גייט נישט אן ביי יענער וואס טראגט אן 'עול'. ווייל נאכן מקבל זיין אן עול, לייגסטו נישט צו אן אויער צו אלעס ארום דיר, קיין שום נייעס קרעמל ציהט דיר נישט, ווייל דו האסט יעצט א פראיעקט אויסצופירן און אייגענע דאגות צו ערלעדיגן. בעסער געזאגט: דו האסט אויף וואס זיך איינצוהאלטן!

מיט הצלחה!

**פונקען** / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

**ווען איך קוק אריין אין די וועלט - געפעלט מיר קיינער ניט. אבער ווען איך קוק אריין אין מיר - געפעלט מיר שוין די גאנצע וועלט**

הרה"ק ר' ברוכ'ל ממעזי'בוז זי"ע (בוצינא דנהורא, טהרת המידות)

## דאס חסיד'ישע לעבן

# אן עילוי אדער נסיון?

די חסיד'ישע הערצער ברענען און פלאקערן. דער פייער ווערט אלץ גרעסער און שטערקער, ביז עס דראעט אויפצורייסן מיט א מאכטפולן קראפט. און אט פלאצט עס אויס - אין פארעם פון הילכיגע געשרייען בשעת'ן דאווענען ביי הרה"ק רבי שלמה קארלינער זי"ע הי"ד אין בית המדרש.

אט דער פייער ברענט אין די הערצער פון זיינע געהויבענע חסידים. פלאמען פון אש הקדושה. קולות וברקים. געשרייען פון די טיפסטע שמחה אין הארץ מיטן אויבערשטן. אליינס. געשרייען ווי די נשמה רופט 'ראטעוועט' פונעם גוף מיט זיינע אלע פלאגענישן. געשרייען פון 'שעת צלותא שעת קרבא' בשעת זייער נשמה צעשמעטערט זייער גוף אין לאנגע מלחמה לענגאויס דעם גאנצן דאווענען ביז די נשמה זיגט.

די קולות פון גן עדן זענען נישט פאר יעדן דורכצוטראגן. דער שטן קען עס נישט פארנעמען. "קוק אהער", פרובירט ער פארצולייגן זיין טענה, "די חברה הייבן נישט אן צו אינזין האבן וואס זיי שרייען. די געשרייען קומען נישט פון זייער הארץ. סך הכל פאלגן זיי טרוקענערהייט אויס וואס זייער רבי הייסט זיי!", זיי טוען דאס נאר כדי צו געפונען חן און זיינע אויגן.

פון הימל באקומט ער רשות אנצודרייען א נסיון פאר די חסידים. א נסיון אויפן לשון פון 'נס להתנוסס' - ארויפצוהייבן. צו מרומם זיין און דערהייבן די חסידים אויף א העכערע מדריגה.

א גאסט אינעם חסיד'ישן בית המדרש.

'משה דער חסיד'ישער עילוי' - רופט אים יעדער.

משה איז קענטיג א געוואלדיגער גאון און בקי. דערצו פארמאגט ער א טיפזיניגע און דורכגעטריבענע פארשטאנד אין תורה ועבודה אין יעדן הינזיכט.

דער רבי נעמט אים אויף מיט אפענע ארעמס, ארויסווייזנדיג צו אים גרויס קירבה און נאנטשאפט. דאס טוט נאך מער ארויפהייבן 'משה דער עילוי'ס' עהרע און שעצונג צווישן די חסידים. א קלייניגקייט? דער רבי איז אים אזוי מקרב, נאר דערצו ווען מ'רעדט דא פון אזא אויסטערלישער תלמיד חכם.

משה דרייט זיך צווישן די עובדים. ער נעמט אנטייל אויך ביי די תפילות. אבער ער איז מחולק מיט זיי.

"וואס איז דאס", דרייט ער מיטן פינגער ווי א למדן, "איר האלט בכלל נישט דערביי! רוב פון אייך פארמאגן בכלל נישט די סארט הבנה אין דאווענען וואס זאל ערלויבן אזא 'ברייטקייט' ביים דאווענען! דאוונסט ווי מענטשן, און שוין!".

נאך דערצו", ברענגט דער יונגער עילוי ארויף די אלטע מתנגד'ישע טענה, "תלמוד תורה כנגד כולם! איר האט שוין עפעס געלערנט היינט? זעצט זיך לערנען און הערטס אויף צו פארברענגען אייער צייט!".

די חסידים שלינגען די זלזול-ווערטער. וואס קען מען טון. זיכער פארשטייט ער בעסער ווי אונז, בפרט אז דער רבי צייגט אים אזא אהבה.

זיי פרובירן פארצוזעצן די הייסע תפילות אזויווי געווענליך.

אבער משה מיטן פארקנייטשן שטערן ענדיגט נישט אראפהאגלען פעך און שוועבל אויף די חסידים.

ענדליך זעצן זיך די חסידים צוזאם כדי דורכצורעדן די ברענענדיגע טעמע.

"זייט משה איז דא", רופן זיך עטליכע חסידים אן, "גייט אונזער דאווענען בארג אראפ".

"געוואלד! וואס טוט מען", ענטפערן די אנדערע.

"אונז טארן עס נישט לאזן ווייטער ממשיך זיין", באשטעטיגט א חסיד.

"מיר וועלן אים מוזן פארשיקן" - בלייבט די החלטה.

"וואו איז משה דער עילוי?", פרעגט דער רבי אויפצומארגנס.

די חסידים בייגן די קעפ מיט בושה, ארויסמורמלנדיג וואס זיי האבן באשלאסן און וואס זיי האבן למעשה געטון מיט משה.

"גוט האט איר געטון!", שמייכלט דער צדיק מיט גרויס הנאה, "זאלט איר וויסן, אז דאס איז געווען א נסיון פונעם בעל דבר אליינס. און צוליב דעם וואס איר זענט בייגעשטאנען דעם נסיון, גייט ענקער דאווענען האבן נאר א גרעסערע עליה פון פריער. אזויווי חז"ל זאגן: "לבעבור נסות אתכם" - ענק צו דערהייבן!".

מקור: פרי ישע אהרן


צו באקומען דעם גליון אין אימעיל שיקט אריין DD0722531385@gmail.com

# א שיעור אין שמחת התורה

## וואס איז דער סוד וואס וועט מיר ברענגען א תענוג אין לערנען? • און וואס איז דער מהות פון תורה?

### שאלה:

ס'איז נאך שבועות, און איך וואלט געוואלט שטייגן אין לימוד התורה! איך בין א בעה"ב וואס איז ב"ה קובע עתים לתורה, איך פארשטיי וואס איך לערן, ס'רוקט זיך ב"ה בלאט נאך בלאט, סימן נאך סימן. אבער ס'פעלט עפעס חיות, דער געשמאק איז עפעס נישטא געוונג, די זיסקייט, די טוב לי, דער והערב נא, וואס תורה דארף האבן. פארוואס שפיר איך עס נישט, און ווי אזוי קען איך עס באקומען?

### תשובה:

קודם כל דארפן מיר קלאר מאכן, אז אנדערש ווי פיל מצוות איז דער מהות פון מצות תלמוד תורה, א מצוה פון תענוג! (ואכמ"ל בעומק הענין, עוד חזון למועד בעז"ה). ווייל תורה איז דאך - מער פון אלע אנדערע מצוות - חיבור און דביקות אין די שכל פון השי"ת. און ווי דער כלל וואס מיר האבן שוין אויסגעשמועסט באריכות אין די פריערדיגע מאמרים (מאמרי שובבי"ם), אז ס'איז נישט מעגליך קיין "התחברות" אין קיין שום זאך, אן האבן תענוג דערפון. ווייל אז דו האסט נישט הנאה - ביסטו נישט מחובר. דעריבער איז די גאנצע מהות פון מצות לימוד התורה - וואס דארף ברענגען צו דביקות אין השי"ת - 'זיך מתענג זיין' מיט תורה. און ס'איז נישט אזוי שווער אנצוקומען דערצו.

ס'איז באקאנט די הייליגע ווערטער פון הגה"ק מסוכטשוב זי"ע אין הקדמה פון 'אגלי טל', אז דער עיקר מצות תלמוד תורה איז זיך מתענג זיין, הנאה האבן, און שפירן די געשמאק. און דעריבער איז דאס די איינציגסטע ברכת המצוה וואס מיר בעטן דערביי "והערב נא" אז מ'זאל שפירן די זיסקייט. ווייל די געשמאק פון תורה, איז נישט א צוגאב צו די מצוה, נאר א חלק פון איר עיקר מהות.

ווייסן מיר שוין אז "די געשמאק" פון תורה איז די עיקר דערפון, אבער די שאלה איז געבליבן:

### וואס איז דארט אזוי געשמאק? מיט וואס איז מען זיך אזוי מחיה?

די גרעסטע תענוג וואס א מענטש קען שפירן, איז די תענוג פון פארשטיין און ארויס האבן א 'שכל'. ווען די סוגיא, אדער יעדע זאך 'וואס אינטערעסירט אים', איז אים געווען פארוואלקנט, בערך'דיג אדער גאר פארפלאנטערט, און עס ווערט אים קלאר, ער שפירט אז יעצט איז עס אים פארשטענדליך, מסודר אין מוח, דאס גיבט אים א וואונדערליכע הרגשה פון ליכטיגקייט און תענוג, און דאס איז א תענוג פון דביקות. ווייל דאס איז די טבע, אז דורך זיך פארטיפן אין א זאך און עס פארשטיין גוט, ווערט מען מחובר דערמיט. און ווען מיר רעדן פון תורה הקדושה, איז דאס חיבור מיט השי"ת אליין, ווייל די תורה איז חכמתו ורצונו יתברך.

חז"ל זענען דאס מגדיר אין קלארע ווערטער: "שיהיו דברי תורה מחודדין בפיך, שאם ישאלך אדם אל תגמגם אלא תאמר לו". אויב קומט צו דיר אן עם הארץ און דו קענסט אים מסביר זיין, אין דיינע אייגענע ווערטער, פונקטליך וואס דא שטייט, האסטו גוט געלערנט! און אויך טאמער דער עם הארץ איז נישט אנגעקומען, איז דא א פשוט'ערע מבחן: זאג ארויס, זיי זיך מסביר בפה מלא וואס שטייט דא. שמועס אויס די שקלא וטריא, די חשבון פון די סוגיא, וואס זענען די הויפט נקודות דא, וועלכע זענען די זייטיגע, און וואס וויל די סוגיא מחדש זיין. אזא סיכום וועט דיר מצד אחד נישט ערמעגליכן זיך ארויסצודרייען פון קיין שום ידיעה און הבנה, און מצד שני וועט די סוגיא באקומען א סדר. וועסט באקומען א חיבור צו די סוגיא, וואס איז חכמתו ורצונו יתברך. וועסט שפירן תורתך שעשועי, און נאך א קורצע תקופה וועט די פנים דיר שיינען פון שמחת התורה.

[ס'איז אויך אמת אז יעדער האט זיך זיינע אומשטענדן, זיינע כשרונות און מעגליכקייטן. און די דרגות פון פארשטיין איז ביי יעדן אנדערש. וואס ביי איינעם הייסט אבי געזאגט הייסט ביים צווייטן פארשטאנען... להלכה פסק'ענט דער מג"א (או"ח סי' נ' סק"ב) אז ביי תושבע"פ אויב מען פארשטייט נישט, וואס מען לערנט "אין בידו כלום", זאגט אבער דער חיד"א (מראית עין ע"ז יט. עבודה"ק מובא"צ סי' ב' אות מ"ב) אז דאס איז נאר אויב מ'פארשטייט בכלל נישט, אבער אויב מ'פארשטייט עכ"פ די טייטש, און אפילו מיט א נישט אויסגעהאלטענע פשט, וכן מי שאין לו שכל להבין, איז אויך "יוצא די מצוה פון לימוד התורה". פארשטייט יעדער ירא שמים אז דאס איז נישט קיין היתר צו זיין פויל, און שלום עלי נפשי ח"ו, נאר דאס אז א חיזוק שוקל צו זיין וואס צו טוהן דאס בעסטע לויט די מעגליכקייטן און אומשטענדן, און כדי נישט צו האבן חלישות הדעת פון א צווייטן וואס איז מער מצליח אין עיון. ובפרט אז די שוואונג פון א שנעלער סארט לערנען גיבט פאר המון עם חיזוק אז מ'קומט עפעס אן.

> דער מח איז פשוט נישט מסוגל צו דערהייבן צומישטקייט, און ער ווארפט עס ארויס. און רוב מאל איז דאס די סיבה פארוואס מענטשן פארלירן דעם טעם אין לערנען

לדוגמא, פאר צענדליגע טויזנטער אידן איז א טובה אז זיי האלטן מיט א 'דף הקהילה', וואס די מאטיוואציע דערפון איז אז יעדן טאג מוז מען ענדיגן דעם בלאט אדער עמוד. כאטש ס'איז באקאנט אז כדי מיטצוהאלטן טאג נאך טאג, און נישט צו פארלירן דעם סדר, און נישט האבנדיג גענוג צייט, דארפן זיי זיך אונטעריאגן מיטן לערנען, און טאקע אנקומען וויינעגער באיכות, אבער דאך לוינט דאס זיי, ווייל דאס גיבט זיי דעם געוואונטשענעם שעבוד און עול, קובע עתים צו זיין אויף א טעגליכע פארנעם. אבער מצד שני, קען דאס שאפן די אויבנדערמאנטע שאלה, "פארוואס האב איך נישט קיין געשמאק ביים לערנען"? ווי אזוי קען איך יא טרעפן די זיסקייט? און די תשובה איז שוין יעצט פארשטענדליך, ס'ווענדט זיך וויפיל כוחות מ'לייגט אריין אין פארשטיין וואס מען לערנט. די תענוג פון לערנען איז לויט וויפיל מ'איז זוכה צו פארשטיין די צדדים מיט קלארקייט, די פרטים פון די מעשה, די דינים און די טעמים. און אויב ס'פעלט געשמאק, מוז זיין אז ס'פעלט אין קלארע פארשטאנד.]

ס'איז כדאי צו וויסן, אז דער מהות פונעם שכל איז ענדליך צו א גרויס לעדל, מיט מסודר'דיגע פיילס, ווי יעדע שטיקל אינפארמאציע מוז האבן א פלאץ, קלאר און פונקטליך. (נישט אייביג איז ער טיף, דאס ווענדט זיך שוין אין כשרונות). דער מח איז פשוט נישט מסוגל צו דערהייבן צומישטקייט, און ער ווארפט עס ארויס. און רוב מאל איז דאס די סיבה פארוואס מענטשן פארלירן דעם טעם אין לערנען, ווייל זייער לערנען איז אויבערפלעכליך און בערך'דיג, אן אינטערעס, אן חיבור, וואס דער שכל פארנעמט דאס נישט. אזא לערנען, ווי הייליג און חשוב מיר גלויבן אז עס איז, שאפט עס אבער נישט קיין תענוג פארן לומד, וואס דאס קען חלילה גורם זיין א ריחוק פון תורה ח"ו. און דאס איז נכלל אין דברי חז"ל "אם ראית תלמיד שתלמודו קשה עליו, מפני שמשנתו אינה סדורה לו".

אשרי חלקם פון תלמידי חכמים! יושבי אהל, כולל יונגעלייט און בחורי ישיבות, וואס האבן מער צייט דורכצוטוהן א סוגיא, זיך משתעשע זיין מיט א סברא, זיי יאגן זיך נישט אין ערגעץ, ס'איז זיי אזוי גוט דא... זייער תענוג איז אין לשער!!! אבער דער שואל גיבט זיך אן אלס בעה"ב, מן הסתם אן גענוג צייט, און קען זיין אפשר אז לתועלת איז טאקע בעסער, מיטצוהאלטן מיט א חבורה וואו מ'דארף האבן א עול אנצוקומען יום יום בכמות. אבער פארט איז א גרויסע תועלת, זיך קובע צו זיין א באזונדערער קביעות'דיגער שיעור, אין מסכת "שמחת התורה"... ס'קען זיין אין סיי וועלכע מקצוע, א פסוק חומש אדער א סעיף אין חושן משפט, (אפשר נישט א מקצוע וואס ער האט געלערנט אלס בחור, אדער אפשר דוקא יא...) אבער אן א לחץ פון אנקומען כמות, נאר מיטן ציל, "להבין" ו"להשכיל", סיי פארשטיין וואס דא שטייט, און אויך צולייגן שכל, משתדל צו לעבן אין די מעשה, פארשטיין די שיטות און זייערע טעמים, אריינטראכטן ווי אזוי ס'איז מיר ענדערש מסתבר אז די הלכה דארף זיין (נהרי אש מאמה"ת י"ד), איבערגיין נאכאמאל, און נישט אוועקגיין פון די סוגיא, ביז מ'איז קלאר און מסודר אין די מהלך פון די גאנצע סוגיא.

[א פאסיגער משל למה הדבר דומה: א ארימאן פלעגט יעדן טאג עסן אין א פאלקס קאך, א רעפטל ברויט און א טעלער בונדל זופ. נאך א שטיקל צייט עסן די זעלבע עסן, איז עס אים נמאס געווארן און ער באקלאגט זיך אז ער שפירט נישט קיין טעם, ער קען עס מער נישט אין מויל נעמען. זאגט מען אים: יעצט דארפסטו מחליט זיין. צו ווילסטו ווייטער עסן אומזיסט, אדער ווילסטו ארבעטן, וועסטו פארדינען געלט זאלסט קענען קויפן וואס דו האסט ליב...]

### און לסיום, נאך צוויי כלליות'דיגע נקודות:

א. כדי א מענטש זאל וועלן אוועקגעבן צייט און מוט צו פארשטיין וואס ער לערנט, און אזוי ארום זיך מחבר זיין און זיך מתענג זיין - דארף ער וויסן די ערך פון יעדע ווארט תורה הקדושה. ווייל קיינער האט נישט קיין חשק זיך אנצושטרענגען פאר א זאך וואס ער שעצט נישט. ס'איז כדאי משקיע צו זיין אין לערנען בהרחבה איבער חשיבות פון תורה, די גרעסטע דביקות אין השי"ת (איינס פון די ספה"ק המומלצים קען זיין הלכות תלמוד תורה אין שולחן ערוך הרב, וואו עס ווערט באריכות נתבאר די חיוב און מעלה פון לערנען גוט, קענען און געדענקען וואס מען לערנט).

ב. חז"ל דערציילן אז אנשי אלכסנדריא האבן געפרעגט רבי יהושע בר חנניא: מה יעשה אדם ויחכם? וואס זאל א מענטש טון צו ווערן א תלמיד חכם? אמר להן: ירבה בישיבה וימעט בסחורה, מער לערנען און ווייניגער האנדלען. אמרו לו: הרבה עשו כן ולא הועיל להם, ס'ארבעט נישט אלעמאל. אמר להם שוב: יבקשו רחמים ממי שהחכמה שלו. פרעגט אויף דעם די גמרא, וועלכע פון די צוויי איז די ריכטיגע עצה? מער לערנען אדער בעסער דאווענען? ענטפערט די גמרא "הא בלא הא לא סגיא" - איינס אן דעם אנדערן וועט נישט ארבעטן. מען דארף גוט לערנען, אבער דאס איז נישט גענוג, מ'קען נישט מצליח זיין נאר אויב מ'בעט זיך אויס ביים בוכ"ע אז מ'זאל זוכה זיין צו 'והערב נא', צו 'ותן חלקנו בתורתך', און צו 'ונשמח בדברי תלמוד תורתך'.

מיט הצלחה און סייעתא דשמיא!

יהודים צמאים לדבר ה'! דער אינהאלטס רייכער גליון האט געמאכט א מהפכה ביי טויזנטער אידישע נפשות. נאך אסאך אידן ווילן זוכה זיין צום אור! נעמט א חלק און די געוואלדיגע זיכוי הרבים רופט: 347-428-6483 אדער צום אימעיל DD0722531385@gmail.com



דימון | עיצוב והדפסה